Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

BAJER FOLKSBLAT — פרייז 20 גראשען. — היינט 8 זייטען.

# פייער פאלקסבלאט

Nr. 44 | Łódź, Czwartek 20 lutego 1930 | אכטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, כב שבט תר״צ | Nr. 44

Adres Redakcji i Administracji Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71 | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# דייטש=פוילישער האנדעלס=טראקטאט
## זאל געשלאסען ווערען שוין די טעג

וו א ר ש א, 19 (טעלעפאניש פון אונזער קאָרעספאנדענט). היינט נאכמיטאג איז פארגעקומען א קאנפערענץ צווישען אויסערן־מיניסטער זאלעסקי און דעם דייטשען געזאנדטען ראוישער.

אין די פאליטישע קרייזען שמועסט מען, אז די אונטערהאנדלונגען וועגען דער דייטש־פוילישער האנדעלס־טראקטאט וועט נאך היינטיגע וואך פערענדיגט ווערען.

## היגקינס אפעלאציע־פראצעס

ירושלים, 19 (יט״א טעלעגראפיש).

דער אפעלאציע־פראצעס פון היגקינס וועט פארקומען דעם 27־טען פעברואר.

## אלאדזער „פאבריק" ענטדעקט אין ווארשא

וו א ר ש א, 19 (טעלעפאניש פון אונזער קאָרעספאנדענט). אויף נאלעווקי 16 ביי א געוויסען אברהם בר״ר עקערמאן איז ענטדעקט געווארען א פאבריק, וואו מ׳האט פון בילינע מאנופאקטור סחורות אפגעוואשע די שטעמפלען און עטיקעטען און געשטעמפעלט מיט פאלשע שטעמפלען פון די בעסערע לאדזער פירמעס. די גאנצע מאשינעריע איז קאנפיסקירט געווארען. עקערמאן איז ענטלאפען.

## פארוואס די קאמוניסטישע דעפוטאטען האבען בעקומען פעטש

וו א ר ש א, 19 (טעלעפאניש פון אונזער קאָרעספאנדענט). דער זשורנאליסטען־קלוב פון די סיים בעריכטס־געבער האט פעעפענטליכט א קאָמוניקאט אין וועלכע די עדות פון די געשעהענישען ביי דער נעכטיגער זיצונג פון סיים שטעלען פעסט, אז די פ.פ.ס. האבען געפאטשט דעם דעפ. זשארסקי נישט פאר׳ן קאמוניסטישען אינהאלט פון זיין רעדע, נאר פאר דעם אויסדרוק, איהר פאשיסטישע שפיצלעך, וועלכען ער האט געווענדעט צו די פ. פ. ס.

## שרעקליכער אויפרייס אין א פולווער=מאגאזין
### 200,000 באמבעס און א גרויסע צאל האנד־גראנאטען פערוואנדלען אין חורבות א פעסטונג

לאנדאן, 19 (א.ט.א.) אין ליאססא (גריכענלאנד) נישט ווייט פון אטען איז פארגעקומען א אויפרייס אין א פולווער־מאגאזין 2 אפיצירען און 10 זעלנער זענען אומגעקומען. א גרויסע צאהל מענשען זענען שווער פערוואונדעט געווארען.

דאס ארט, וואו דער אויפרייס איז פארגעקומען, איז א פעסטונג־לאגער. ס׳האבען זיך דארט געפינען 200,000 באמבעס און א גרויסע צאהל האנד־גראנאטען. די גאנצע פעסטונג שטעלט מיט זיך איצט פאר איינע פון די שרעקליכע מלחמה׳־בילדער: מעטאל, שטיינער, מענשליכע קערפערס צוזאמענגעמישט מיט ערד.

די אויספארשונג וועגען די סבות פון אויפרייס איז נאך נישט געקומען צו קיין רעזולטאט. ס׳איז איבערהויפט שווער פעסטצושטעלען די סיבה, ווייל אלע, וואס האבען זיך דארט געפונען זענען אדער טויט, אדער שווער פערוואונדעט.

פערהאן א השערה, אז דער אויפרייס איז פארגעקומען ביים אפלאדען גראנאטען פון א משא־אויטא. איין גראנאט האט אויפגעריסען אין די הענט פון די טרעגער און באלד האט מיט עקספלאדירט דער גאנצער לאגער.

## סענאטאר קערנער וועגען בודזשעט פון אינערן־מיניסטעריום

וו א ר ש א, 19 (טעלעפאניש פון אונזער קאָרעספאנדענט). אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער בודזשעט־קאמיסיע פון סענאט איז ביים בעטראכטען דעם בודזשעט פון אינערן־מיניסטעריום ארויסגעטרעטען מיט א רעדע סענאטאר קערנער )יודישע קאלא" ער האט פראטעסטירט געגען ערטיילען פורקרעדיטען די רעפער, ווייל די חרובגעווארענע שטעט בעקומען אויך נישט קיין קרעדיטען.

ווייטער האט זיך דער רעדנער בעקלאגט, אז א רייהע יודישע קהלות האבען בעקומען אפגעזאגט קאנצעסיעס אויף האנדווערקער־שולען; די אפיציעלע־מאכט שטרייכט סובסידיעס, וואס ווערען דורך זעלבסטפערוואלטונגען בעשטימט פאר יודישע אקארעמיקער.

אויף דער זיצונג פון דער קאמיסיע האט דער אינערן־מיניסטער צוו. אנד. ערקלערט, אז פאליציי וועט נישט טארען לעגיטימירען קיין אנטיילנעהמער אין געשלאסענע פערזאמלונגען.

Dr. med.

**B. Robinzon**

אינערליכע און קינדער־קראנקהייטען

פעטריקאווער 10, טעל. 131-86

נעמט אן פון 8–9½ פריה און פון 3–4½ נאכ.

יין כשר!

צוליב דער עפענונג פון דער נייער ווייןן־ און מעהד־פאבריק

אלטער מארק 2

פערקויף איך אלס רעקלאמע ½ ליטער גוטען וויין נור 65 גר. מיט פלאשע

פירמע „פראגרעס"

2 אלטער מארק 2.

בעמ.: פאר סוחרים ראבאט.

דעטעקטארען קאמפלעט

מיט א פלוכצווקע און אנטענע פון 28 זל.

RADIO - LLOYD

Przejazd 8.

השבת אבדה.

ס׳איז פערלוירען געווארען א וועקסעל אויף 40 זל. אויסשטעלער לייביש ליפשיץ, צאהלבאר דעם 2/3 1930. אפצוגעבען צו מאיר שערעצקי, סעלטא 32. דער וועקסעל ווערט ערקלערט פאר אונגילטיג.

געזעלש. „טאז"

קאמעראל=טעאטער „ארט" אל. 1 מאי 2

היינט, 9.30 אווענד קומט פאר

א גרויסע פארשטעלונג לטובת דער געזעלשאפט „טאז"

ס׳ווערט געשפילט

„חי=געלעבט"

18 שלאגער־נומערן 18

בילעטען צו בעקומען ביי קאסע פון טעאטער „ארט", אל. 1 מאי 2

נאך קורצע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 57 יאהר מיין ליבער מאן, אונזער הייסגעליבטער פאטער, שווינערפאטער, גרויספאטער, ברודער, שוואגער און אנקעל

ב.ע. לייזער אשר פישהאף

(לאנגיעהריגער סוחר און בירגער פון דער שטאט לאדז)

די לויה קומט פאר היינט, דאנערשטאג, דעם 20־טען פעברואר ד. י. 1 אזייגער בייטאג פון טרויער־הויז בזשעזשינער 10, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

רעכטס־קאנסולענטען־ביורא „JUSTICE"

פיעטריקאווער 62, טעל. 183-84

ערלעדיגט אמבעסטען קלאגזשאלעס, זאבעזפיעטשעניעס פאר אלע סוחרים :—: און פאבריקאנטען :—:

שרייבט בימעס אין אלע אינסטאנצען

Dr. med. I. WAJNBERG

Cegielniana 47, tel. 26-02

אינערליכע קראנקהייטען.

ספעציעל פאר לונגען- און הארץ־קראנקהייטען

בעשטראהלונגען און קינסטליכע בערג־זון.

עמפ. אן און דער היים פון 3—5 נאכמיטאג.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען מיין ליבער מאן, אונזער טייערער פאטער, זוהן, ברודער, שוואגער

נ״ע יואב מאיר ב״ר יצחק פייוועל נ״י בוכהאלטער

איז בליהענדען עלטער פון 32 יאהר.

די לויה קומט פאר היינט, דאנערשטאג, כ״ב שבט תר״צ, 12 אזייגער בייטאג פון טרויער־הויז, פאדזשעטשנא (יודישע גאס) 15, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 56 יאהר אונזער חשוב׳ער פאראיינס מיטגליד

ב״ע לייזער פישהאף

צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, דאנערשטאג, ד. 20/II ד. י. 1 בייטאג פון טרויער־הויז, בזשעזשינער 10, ווערען אלע מיטגלידער געבעטען צו קומען אפגעבען דעם נפטר דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג

פון לאדזער פרנסה־ און געמיזע־הענדלער־פאריין, זגערזשער 28

5152

